"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**'מלא כל הארץ כבודו'**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר כ"ב**
חודש תשרי שנת תשפ"ד לפ"ק

# פרנס החודש

נתנדב על ידי ידידינו הנכבד, רודף צדקה וחסד
ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, אוהב תורה ולומדיה
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

לזכות מוה"ר **מנחם מענדל** בן **פרידא** הי"ו
ולזכות משפחתו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שבזכות זה יזכה לבנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות באמת, ואך טוב וחסד ירדוף אותו כל ימי חייו, ללמוד וללמד לשמור ולעשות רצון אבינו שבשבמים בבריות גופא ונהורא מעליא, תענוג ונחת דקדושה כל הימים.

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


'אש להבה עד לב השמים' ..... א
צוריק אפגעבן דעם 'כבוד' ..... ג
מגלה זיין 'כבודו יתברך' ..... ד
דער שפיץ פון דאווענען ..... ו
מען וואלט קודם געגאנגען אין מקוה ..... ז
נישט אוועקגעלאזט דעם פסוק ..... ח
"וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו" ..... ט
וואס האסטו דא פארביטן?! ..... יא
דער אויבערשטער איז אונז 'דן לכף זכות' ..... יב
"מלך הכבוד" - 'שנותן כבוד ליראיו'! ..... יג
יחזקאל בן בוזי ..... יד
"וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד" ..... טז
"ללמוד על מנת ללַמד" ..... יז
אפילו נאר זינגען צוזאמען ..... יח
מיר האבן דעם זכות צו מכבד זיין דעם בורא עולם! ..... יח
"עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ" ..... יט
צומאל קען זיין 'מתוך לשמה בא לשלא לשמה'... ..... כ
"בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת" ..... כא
מען קען נישט מקטרג זיין אויף אזא תפילה ..... כב
די מעלה פון רעדן 'בשבח הצדיקים' ..... כג
זיך מקשר זיין מיט דעם טוב פון יעדן איינעם ..... כד

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# מאמר כ"ב

## מלא כל הארץ כבודו

### 'אש להבה עד לב השמים'

עס ווערט געבראכט[א], די תורה הקדושה איז אזוי ווי 'גחלים עוממות' - גחלים וואס איז פארדעקט, עס ליגט אויף דעם אסאך אַש, און דורך שקידת התורה פאָכעט מען עס און עס פלאקערט אויף, עס ווערט אַן 'אש להבה עד לב השמים'! [נישט קיין 'מאורי אש'; דער רבי זאגט דאך[ב], עס איז דא 'מאורי אש', וואס רופט זיך 'מאור התאוות'; נאר עס ווערט 'מאורי אור', וואס רופט זיך 'זיו השכינה'], עס ווערט אַן 'אש להבה עד לב השמים' פון 'מאורי אור'![ג]

עס איז ידוע ביי די לומדים - יעדער איינער ביי זיין לימוד שפירט אזוי, אמאל איז פארמאכט א סוגיא, אבער אז מען איז שוקד און שוקד, ווערט ליכטיג און נאך ליכטיגער! דאס איז אין נגלה און אין נסתר און אין חסידות - אין אלע לימודים איז דאס דא.

---

**א.** ספר 'דרך עץ חיים' (להרמח"ל) בהקדמה.

**ב.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז: ויש 'מאורי אור' ו'מאורי אש', והם זה לעומת זה. שכשיש כח ל'מאורי אור', אזי נכנעין 'מאורי אש', וכן להיפך, חס ושלום, שכשנכנעין ונסתלקין מאורי אור, חס ושלום, אזי מתגברין 'מאורי אש'.

**ג.** עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ח (ע"פ ליקוטי עצות): בלי עסק התורה אי אפשר לחיות. כי לפעמים בוער האדם לשם יתברך, אבל הוא יותר מדי עד שהיה אפשר להיות נשרף לגמרי, חס ושלום, מגודל התבערה חוץ מהמידה. ועל ידי עסק התורה מקרר אש התבערה שיהיה במידה כראוי ויכול להתקיים. וכן להפך, חס ושלום, שלפעמים בוער האדם אל תאוות עולם הזה כל כך, עד שהיה אפשר לשרוף כל הגוף, חס ושלום, מעוצם תבערת אש התאוות, **אבל כשלומד, תורה מגנת עליו ומצלת אותו ומכבית האש הבוער בו, ויכול לחיות.** נמצא שעיקר החיות על ידי התורה.

איך האב אמאל געזען[ד], **די ראשונים וואס ביי זיי איז געוועזן שטארק נעלם די סודות הקבלה, פלעגן שפירן חיות פון א משנה אין משניות!** זיי האבן געשפירט פון דעם אזויפיל יראת שמים, אזויפיל חיות אלוקות וואס איז הוילע תענוג! דער אור איז דא, נאר עס זענען געוועזן די נפשות וואס האבן עס אויפגעפאכעט ווי עס דארף צו זיין 'בפנימיות ובפנימי פנימיות בלי קץ'! עס קומט פון הקדוש ברוך הוא בעצמו!

איך מיין טאקע, ברוך השם, עס איז דא דער 'עמוד היומי'[ה], דארף מען אויך וויסן, איך האב אמאל געזאגט, 'עצה טובה קא משמע לן'; אוודאי, אז מען קען שוקד זיין, אז מען קען עס מפענח זיין ווי עס דארף צו זיין - איז 'אשרינו', אבער אז נישט, לכל הפחות זאל מען נעמען איין ווארט, צו א שורה, און לעבן מיט דעם, זיך מתענג זיין מיט דעם, מען טראכט אין דעם, מען איז מחדש אויף דעם. **אמאל קען מען אפילו מיט איין ווארט אריינגיין אין עבודה און לעבן מיט דעם!** רבי נתן רעדט וועגן לעבן מיט א גאנצע תורה[ו], **אבער מען קען אפילו לעבן מיט א 'ווארט' אויך - מיט איין דיבור פון צדיק!**[ז]

---

ד. עיין ספר "שער היחוד והאמונה" (להרה"ק מוהר"א מסטראשעלא זי"ע), הקדמה, וז"ל: **דורות הראשונים** מצד גודל צדקתם היו יכולים לכנוס בהיכלי מלך להשיג בהשגה ממש אלקותו יתברך, ולבוא בגנזיו שם גנזי מלכא, אשר על כן לא היה רשות להם לכנוס לחדריו ולחפש בגנזיו וסתריו, רק כל אחד ואחד לפום ערכו ושיעורו, אבל על סתרים שהם אינם בערכו לא היה להם רשות להשיג זה, כי אולי יוכל לטעות באיזה דבר, ולא היה נאמן כי אם כל אחד ואחד לפי ערכו, כי אם במשה רבינו ע"ה נאמר בכל ביתי נאמן הוא (במדבר יב, ז), ולכן לא היה רשות בזמן ההוא לגלות דברים עמוקים כי אם ליחידי סגולה כל אחד לפי בחינתו, **אבל עתה בדורות האלו** אין מי שיכנוס לחדרי המלך בהשגות אמיתות ממש, כי דלתות ההיכלות דמלכא נעולים, וכו' עיין שם.

ה. סדר הלימוד 'עמוד יומי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן.

ו. עיין שיחות הר"ן רצ"ז: דיבר עמנו (רביז"ל) כמה פעמים שרצונו חזק מאד שנלך עם התורות שגילה. דהיינו לילך תחילה איזה זמן עם תורה פלונית בערך ב' או ג' חדשים, דהיינו שיהיו כל עבודתו והילוכו ביראת ה' על פי הנאמר באותה התורה, וכל תפלתו ושיחתו יהיה לזכות להגיע למה שנאמר באותה התורה, וכן יתנהג איזה זמן. ואחר כך ילך איזה זמן עם תורה אחרת, וכן אחר כך, עד שיגמור לילך עם כל התורות. ודיבר כמה פעמים מזה. אשרי מי שיאחז בזה.

## צוריק אפגעבן דעם 'כבוד'

טאקע אין דעם 'עמוד היומי' פון היינט ביינאכט, זאגט דער רבי[ח]: **"לְהַמְשִׁיךְ שָׁלוֹם בָּעוֹלָם, צָרִיךְ לְהַעֲלוֹת כְּבוֹד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְשָׁרְשׁוֹ, הַיְנוּ לַיִּרְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב[ט]: 'לְיִרְאָה אֶת הַשֵּׁם הַנִּכְבָּד'"**.

אז מען בארעכנט זיך, האט דער רבי דא אנגערירט אזא שטארקע נקודה. רוב מחלוקת אין דער וועלט איז פון 'כבוד הנפולות', פון פאלשע כבוד, גאוה'דיגע כבוד - רוב מחלוקת אין דער וועלט! רוב חילוקי דיעות וואס איינער וויל נישט מודה זיין צום צווייטן, און כהנה וכהנה, ביי די אלע סארט שלאכטן, איז די נקודה הפנימית, ווייל עס איז דא א באהאלטענע גאוה. ווען עס איז נישטא קיין גאוה וואלט מען איבערגעגאנגען דער זאך אנדערש; דאס הייסט, אז דאס איז דיין נשמה - דו האלסט אנדערש, דין דעם אויבערשטן אויף אזא סארט אופן[י].

---

**ז.** עיין ליקוטי מוהר"ן קפ"ו: וכשהוא מאמין בהצדיק ונותן עיניו ולבו על דברי הצדיק, **על כל דיבור ודיבור**, כי מאמין שכל דבריו אמת וצדק, ובכונה מכוונת אזי אחר כך, כשבא לביתו, כל מה שיארע אותו, הוא מסתכל היטב על כל דבר שיארע לו, ומבין למפרע בדברי הצדיק שדיבר עמו בהיותו אצלו, שזה היתה כוונת הצדיק שרמז לו בתוך דברים שדיבר עמו, וכן כל דבר ודבר שיזדמן לו, הוא מוצא הכל בדברי הצדיק למפרע, שרמז לו שיהיה כן.

**ח.** ליקוטי מוהר"ן סי' י"ד, אות א'.

**ט.** דברים כח, נח.

**י.** עיין באוסף אמרים (מדות שער ראשון, פרק א' משנה ד') וז"ל מורינו שליט"א: ראש לכל צריך לדעת ולהתבונן בכל 'ערליכער איד' איך הוא עובד את השי"ת, מה יש לי ללמוד ממנו ומיסודי הדת שקנה ואני עדיין לא זכיתי להם, אדרבה, תלמידי חכמים מכבדין זה את זה, וכל אחד נוטל אצל השני תועלת בעבודת ה' עבורו, אך בד בבד צריך להזהר ולהשמר לא לקבל ממנו שום דעה זרה.

ואין זו סתירה כלל וכלל, כי מקום יש בראש להניח שני תפילין, ואף שהוא קשה מאוד, צריך לדעת לעכל את שתי הדרכים גם יחד, אסור לבטל שום אדם מישראל, כי כל אחד מישראל חשוב עד מאוד, ובפרט יהודים שלומדים ומתפללים ומדקדקים במצוות כחוט השערה, אלא שלמדו בחידר אחר, וא"כ מה היא הטענה בכלל נגדם, ומצוה רבה לקבל מהם דברים טובים יחד עם זהירות לא לקבל השפעה זרה שאינה לרוח החידר שלנו, ואין זה תרתי דסתרי כנ"ל, (ועיי"ש עוד שמביא לדוגמא הגה"צ רבי דוד יונגרייז זצ"ל איך שהיה שולט על הנהגה מורכבת זו של 'מקום יש בראש להניח שני תפילין').

כל שכן אין דער גשמיות שבגשמיות פון דער גוי'ישער וועלט - עס איז אלץ הוילע גאוה, הוילע גאוה! עס איז קיין ספק נישט, עס אז א דבר ידוע, וויפיל בלוט עס האט זיך געגאסן אין דער וועלט וועגן גאוה, עס האט נישט קיין גבול און קיין ערך.

**גאוה געהערט צום אויבערשטן, עס האט לגמרי נישט מיט קיין נברא אינגאנצן - לגמרי נישט!** דער כבוד פון א נברא איז, אז ער ווייסט פון דעם בורא, ער איז מכבד דעם בורא - אט דאס איז זיין כבוד ממש![יא] וואס מער מען איז 'זיך' מבטל און מען איז מכבד דעם בורא, דאס איז דער כבוד פון דעם [נברא], ער איז זיך ממלא פון דעם אלוקות פון דעם בורא! "**אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא**"[יב] - אז מען האלט זיך קליין - נעמט מען אריין דעם אויבערשטן, מען שפירט דעם אויבערשטן.

## מגלה זיין 'כבודו יתברך'

למעשה, דאס איז טאקע א גאנצער דרך וואס מיט דעם דרך קען מען דינען און מקבל זיין אלע תרי"ג מצוות און לערנען און דאווענען - אלעס אלעס גייט מיט דעם גאנג; אז איך גיי דאווענען - גיי איך מכבד זיין דעם אויבערשטן; איך גיי לערנען - איך גיי מכבד זיין דעם אויבערשטן; איך גיי טון א חסד מיט א אידן - איך גיי מיט דעם מכבד זיין דעם אויבערשטן; איך גיי משפיע זיין - דאס איז דער רצון השם. אז מען טוט 'גמילת חסד בגופו' איז מען פון די וואס זענען 'אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא'. אז א מענטש איז מעלה דער בריאה, ווערט פון דעם אזויפיל נחת רוח, מען איז ממשיך שפע - שפע רוחני און שפע גשמי.

---

**יא.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות א' (ע"פ ספה"ק ליקוטי עצות): **צריך כל אדם למעט בכבוד עצמו ולהרבות בכבוד המקום**, ולא יהיה רודף אחר הכבוד רק יברח מן הכבוד, **ואזי הוא זוכה לכבוד אלקי**, ואז אין בני אדם חוקרים על כבודו אם הוא ראוי אם לאו. אבל מי שרודף אחר הכבוד אינו זוכה לכבוד אלקי, ועל כן אפילו כשיש לו כבוד, הכל חוקרים ודורשים אחריו ושואלים מי הוא זה ואיזה הוא שחולקים לו כבוד הזה, וחולקים עליו שאומרים, שאינו ראוי לכבוד הזה.

**יב.** ישעי' נז, טו.

(דאס איז אויך שייך ביי אלץ) וואס מען טוט, וואס מען טוט; אז מען קומט אין שטוב אריין און מען קליידט אָן די קינדער, (האב אינזין), איך קלייד אָן א אידיש קינד, איך שיק אים אין חדר צו לערנען און דאווענען, ער מאכט א ברכה, דערנאך א 'בורא נפשות' - איך שטעל אוועק א קינד פארן אויבערשטן! איך פאָרע זיך מיט "זרע יעקב אשר בחר" וואס דאס איז דאך מיין קינד!

אוודאי, דאס אז עס זאל ליגן אין די ביינער יומם ולילה, אויף דעם דארף מען אסאך הארעווען, אבער אז מען קען טון אין דעם, און גיין אויף דעם גאנג, האט אלעס אלעס (אַן אנדער חשיבות). בשעת מען גייט אין קלייט און מען קויפט איין - 'ברוך השם, אַה, דער אויבערשטער האט מיר באשאפן, איך דאנק דעם אויבערשטן אז איך האב געקויפט און איך האב באצאלט פאר דאס עסן און טרינקען' - מען דארף דאנקען דעם בורא עולם פאר דעם! אז עס ווערט נתגלה אלוקות, כבוד ה', איז אלץ אנדערש, עס איז אַן אנדערע גבינה (קע"ז), אַן אנדער לחם, אַן אנדער שמן - מיט דער כוונה איז אלץ אנדערש אנדערש.

אפילו אָן די כוונה (בכל רגע) איז אויך גוט, ווייל דאס אליין (- כי מחשבתו ממילא לשמים). עס שטייט אין שולחן ערוך[יג], אז מען ארבעט אויס קלף, עורות, און מען זאגט מתחילה עס זאל זיין לשם קדושת תפילין - קען מען אפ'ארבעטן אויף דעם; אז מען ארבעט אויף דעם - גייט עס אויף דעם (ממילא). אוודאי מיט דער צייט ווערט עס מער און מער און מער.

## דער שפיץ פון דאווענען

אז מען טוט אמאל א זאך, (תתבונן:) 'וואס טוה איך דא? וואס טוה איך דא? איך לויף ערשט נאך כבוד? דאס וויל דער אויבערשטער?

---

יג. או"ח סי' ל"ב, סעי' ח'.

לאמיר גיין אויף צוריק, לאמיר בעסער גיין לערנען אין דער צייט!' - פשוטו כמשמעו, דאס איז א געוואלדיגער חשבון[יד].

אז עס קומט א (נסיון) פון אַן עבירה - איך וויל נישט! איך וויל נישט מזלזל זיין אין כבוד ה'! אז דער אויבערשטער זאגט 'נישט' - איז נישט! אלץ איז מען מקשר מיט כבוד ה'.

די זעלבע זאך, אז מען גייט דאווענען - דער כותרת פון דעם דאווענען איז, 'יהא שמיה רבא מברך' - דאס איז דער כותרת פון יעדעס ווארט פון דעם גאנצן דאווענען! גיי - זיי ממליך דעם אויבערשטן, זיי מכבד 'את השם' אין שול - ברבים, מכבד זיין שמו יתברך, "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", מען קען מקשר זיין רוחניות מיט גשמיות.

דעמאלט האט עס אַן אנדער חן, עס איז אַן אנדער לעבן, דעמאלט ווייסט מען אז מען גייט אויפן גוטן וועג, מען גייט כאטש נישט אויף צוריק. מען איז דאך אראפ אויף דער וועלט צו מתקן זיין, 'זיך', מיט 'כל העולמות', ווער ווייסט צו ער גייט נישט אויף צוריק? אבער אויב מען איז עס מקשר מיט כבוד ה', גייט מען לכל הפחות נישט אויף צוריק; אפילו עס טוט זיך, עס איז שווער צו ארבעטן, פארלייגט מען זיך אויף א נקודה - מען קען מיט א נקודה לעבן א גאנץ יאר! מען קען שטייגן און שטייגן בלי גבול ובלי ערך! עס האט נישט קיין גבול! נעם א נקודה!

דער רבי זאגט[טו]: **"כל התורה שלי היא כולה הקדמות!"**. נעם א גוטע הקדמה - מיט איין הקדמה קען מען דערלאנגען. אזוי ווי דער רבי רעדט[טז], אז עס איז דא א 'תיקון הכללי שבכל דבר'.

---

**יד.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ב: ועיקר היהדות הוא רק לילך בתמימות ובפשיטות, בלי שום חכמות, ולהסתכל בכל דבר שעושה, שיהיה שם השם יתברך, ולבלי להשגיח כלל על כבוד עצמו. **רק אם יש בזה כבוד השם יתברך - יעשה, ואם לאו - לאו, ואזי בודאי לא יכשל לעולם.**

**טו.** שיחות הר"ן אות ר'.

**טז.** ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ט, אות י'.

## מען וואלט קודם געגאנגען אין מקוה

'כבוד ה'' איז א שורש; וויפיל לשון הרע מען שפארט איין, וויפיל רכילות מען שפארט איין, וויפיל מחלוקת, וויפיל מען איז כסדר מוותר. אז איינער האט מיר מבייש געווען - גוט, האב איך זוכה געווען צו כבוד ה'. אז ער האט מיר באוואשן - איז זייער גוט, ווייל בזכות דעם, זאגט דער רבי אין תורה ו'[יז], וועט ער זוכה זיין צו כבוד ה', עס איז גוט, ער האט מיר געטון א געוואלדיגע טובה.

רבי אברהם ב"ר נחמן האט געזאגט[יח]: **ווען מען ווייסט ווען די גרויסקייט און די 'תיקון הנפש' וואס ווערט אז איינער איז מקבל בזיונות באהבה, וואלט ער געגאנגען אין מקוה פאר דעם!** עס איז נאר אז עס קומט אָן פלוצלונג מיט א טומל![יט]

עס שטייט סיי פונעם רמ"ק[כ] און סיי פונעם אר"י הקדוש[כא], עס איז אזוי ווי אלפים ורבבות תעניתים וסיגופים (- לקבל בזיונות באהבה!) - עס איז א געוואלד, א געוואלד! גייסטו זיך שלאגן אויף דעם מיט לשון הרע מיט רכילות מיט כעס מיט רציחה, אין דער צייט וואס

---

**יז.** וזל"ש אות ב' (ע"פ ליקוטי עצות): **עיקר התשובה כששׁמע בזיונו ידום וישתוק ויסבול בזיונות ושפיכות דמים הבאים עליו,** ובזה הוא ממעט הדם שבחלל השמאלי וזובח יצרו הרע, **ועל ידי זה זוכה לכבוד אלקי,** הנ"ל.

**יח.** עיין באוסף מכתבים (חלק א' מכתב כ"ב) שכן נשמע מפי הגה"ח רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל תלמידו של ראבר"נ זצ"ל בשמו.

**יט.** עיין באוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רמ"ה) וז"ל מורינו שליט"א: מספרים על הרה"ק מצאנז זי"ע, שפעם התנתקה חבורה מרגלו הכאובה (שכידוע סבל יסורים רבים מרגליו), והדם היה שותת, והיו לו כאבים נוראים, ושאלוהו הנוכחים על זה, השיב "א נקמה אין גוף". כל זה עשו לעצמם הצדיקים, אבל אנו יש לנו לשמור את הגוף, ולנקום רק בתאוות הגוף ובהרע, ועל ידי קבלת בזיונות בישוב הדעת, אף על פי שבעת מעשה זה כואב מאד, איום ונורא, אבל תיקון הנפש שנעשה על ידי זה הוא לאין ערוך.

**כ.** 'תומר דבורה' פרק שני. וב'קול בוכים' להר"א גאלאנטי זי"ע בשמו על מגילת איכה. והובא בשל"ה הקדוש מס' יומא דרך חיים תוכחת מוסר אות ע"א.

**כא.** עי' 'עבודת הקודש' מורה באצבע סימן א' אות ו', וב'תולדות יעקב יוסף' סו"פ ראה.

דו קענסט איינעמען דער גרעסטע רפואה אין דער וועלט! - עס איז דאך א מורא'דיגע זאך[כב].

## נישט אוועקגעלאזט דעם פסוק

'כהנה' קען מען מיט איין נקודה שטייגן א וועלט! אין יעדן עמוד (בליקוטי מוהר"ן)! דער רבי האט געזאגט[כג], ווען דו זאגסט א קאפיטל תהלים אדער א פסוק, זאל עס ווערן דיין פסוק, שטעל זיך אפ אויף דעם. אונזערע לייט פלעגן קענען שטיין אויף א פסוק - שעות! עס האט אים געגעבן א נעם א פסוק - און מען האט עס איינגעקויפט, איינגעקויפט ממש!

איך ווייס א מעשה שהיה, עס האט מיר דערציילט בסוד סודות איינער פון א פרעמדע חסידות גאר - זיין זון האט עס מיר דערציילט. ער איז געשטאנען אמאל אינמיטן יאר ביינאכט אין מירון, רבי שמואל שפירא[כד] איז דעמאלט געווען ביים ציון פון רבי שמעון'ען, (האט ער אים געהערט שטיין) א גאנצע נאכט - 'עד אור היום' - אויפן פסוק[כה]: **"סוּרוּ מִמֶּנִּי מְרֵעִים, וְאֶצְּרָה מִצְוֹת אֱלֹקָי"** - א גאנצע נאכט, א גאנצע נאכט! ער האט גענומען דעם פסוק - פאר עס גייט

---

**כב.** עיין באוסף אמרים (מידות שער שלישי תורת המידות) וז"ל מורינו שליט"א: מסופר על הרמ"ק שאחד העיז לקרוא לו רשע, רח"ל, נטל ידו ונשקו, ואמר לו: אשריך שהכנעת אותי לבוראי!

**כג.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א: **וכן אמירת תהלים וכיוצא צריך לראות, שימצא את עצמו בתוך כל מזמורי תהלים** ובתוך כל התחנות ובקשות וסליחות וכיוצא. ובקל בפשיטות בלי חכמות יכולין למצוא את עצמו בתוך כל התחנות ובקשות, ובפרט בתהלים, שנאמר בשביל כלל ישראל, בשביל כל אחד ואחד בפרט. וכל אדם כל מלחמות היצר שיש עליו וכל מה שנעשה עמו, הכל מבואר ומפורש בתהלים, כי עיקרו נאמר על מלחמות היצר הרע וחיילותיו, שהם עיקר האויבים והשונאים של האדם, שרוצים למנעו מדרך החיים ולהורידו לשאול תחתיות, חס ושלום, אם לא ישמר עצמו מהם. **ורק על ענין מלחמה זאת נתייסד כל ספר תהלים.**

**כד.** ה"ה הרה"ח רבי **שמואל** ב"ר שלמה יצחק **שפירא** זצ"ל – עיין תולדותיו בספר 'דורשי יהודך' יסודי היהדות ח"א, מאמר י' הערה יז.

**כה.** תהלים קיט, קטו.

אוועק פון אים, 'איך וויל פאלגן דעם אויבערשטן, איך וויל פאלגן דעם אויבערשטן, מכבד זיין דעם אויבערשטן!'.

### "וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו"

יעדע נקודה זאגט די זאך: "להעלות כבוד ה' לשורשו".

דער רבי זאגט דא, "ליראה". דער רבי מיינט דא, דער 'ספירת המלכות'[כו]. אינ'אמת'ן איז דא, אלע רעדן פון דער קשיא, מען געפינט עס אין "עץ חיים"[כז], פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט? דער ערשטער טעם איז, **'להיטיב לברואיו'** - מיטיב זיין דער בריאה. דער צווייטער טעם איז, **'בגין דישתמודעין ליה'** - מען זאל וויסן פון בורא עולם - 'לגלות מלכותו'.

עס איז געווארן צמצומים צמצומים 'בלי ערך ובלי גבול' - ביז דער אויבערשטער איז געקומען צו די קלענסטע מדריגות - און ער האט באשאפן א בריאה 'עד אין סוף' אז עס כאפט א שרעק, וואס דער מח דערהייבט נישט דער סוף פון די עולמות - אפילו פון איין עולם - פלאי פלאות, וואס דאס איז שוין דער קלענסטער צמצום - (וכל זה כדי לגלות) אז ער איז א מלך!

דערפאר, ביי 'מלכות' זאגט דער אויבערשטער "אֲנִ"י"[כח]. 'כתר' איז 'אַיִ"ן', "**תַּעֲלוּמָה 'וְאַיִן' קוֹרֵא לָהּ, נַמְתָּ עַיִן לֹא תְשׁוּרֶךָּ**". ווען קען מען זאגן 'אני'? ווען עס איז שוין מבורר אויף אַן אופן אז מען קען עס שוין פארשטיין, דעמאלט זאגט מען 'אני'.

על כל פנים, אין דער תורה שטייט[כט]: "**וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו**". "בראתיו" – איז 'בריאה', "יצרתיו" – איז 'יצירה', "עשיתיו" – איז 'עשיה'. וואס איז מיט 'אצילות'? 'אצילות' איז

---

**כו.** עיין תיקוני זוהר דף ע"ז ע"א שיראת ה' נקראת 'מלכות'.

**כז.** בתחילתו שער הכללים, פרק א'.

**כח.** זוהר ח"א דף רד ע"ב.

**כט.** ישעי' מג, ז.

"לכבודי" - דערשפירן דער 'גילוי אלוקות' פון 'אצילות', דער 'זיו דאצילות'.

ממילא, אז מען זאל ווערן אביסעלע איידעלער, אביסלע איידעלער, אפשר נישט קיין סאך, וואלט מען געזען קלאר אז דער 'עונג הכי גדול', דער 'שׂיא (הויכפונקט) העונג' וואס איז דא, איז אז א מענטש זאל נהנה זיין מזיו השכינה, שפירן דעם אויבערשטן, ליב האבן דעם אויבערשטן, אויסגיין פארן אויבערשטן, האבן דביקות אינעם אויבערשטן.

אז דער אויבערשטער גיט אים שפע - און ער בענקט מיט דעם צום אויבערשטן, דאס איז דער שׂיא הדביקות וואס האט נישט קיין גבול ווי ווייט און ווי גרויס און ווי לאנג דאס איז, סיי אין 'איכות' און סיי אין 'כמות' און סיי אין 'זמן', עס איז א תענוג נפלא - דער שׂיא התענוג 'בלי גבול ובלי ערך', וואס אלעס ארום ווערט בטל ומבוטל, שטותים והבלים. אָך-און-וויי מיט וואס מען פארבייט 'זיו השכינה'...

## וואס האסטו דא פארביטן?!

אין מדרש שטייט אזוי[ל]: אז עס קומט צו א מענטשן א '**דבר ערוה לעיניו, ואינו זן עיניו ממנה**' - ער האלט נישט אפן זיינע אויגן פאר דעם, ער פארמאכט זיינע אויגן פון קוקן, איז ער זוכה "**לַחֲזוֹת בְּנֹעַם הַשֵּׁם**"[לא]!

זעה וואס מען פארבייט!

זעה וואס מען פארבייט!

שמוץ שבשמוץ פאר 'זיו השכינה'!

אויף דעם ביסטו באשאפן געווארן? געוואלד!

---

**ל.** מדרש רבה אחרי פר' כ"ג, פס' י"ג: ר' מנשיה בר בריה דרבי יהושע בן לוי אמר, מצינו שכל מי שרואה דבר ערוה ואינו זן עיניו ממנה, זוכה להקביל פני השכינה. מאי טעמא? (ישעיה לג) "ועוצם עיניו מראות ברע". מה כתיב בתריה? (שם) "מלך ביפיו תחזינה עיניך תראינה ארץ מרחקים".

**לא.** תהלים כז, ד.

און טאקע פארקערט, מיט יעדער פרישה פון א חטא איז מען מכבד דעם אויבערשטן מיט דעם וואס מען איז נישט מורד במלכותו! אז ער האט אזוי פאַרבאָטן - וועל איך אים פאלגן.

מען קען אלעס מקשר זיין, רוחניות מיט גשמיות, מיט איין נקודה: **'להעלות כבוד ה' לשורשו'**!

מיין גאנצער תכלית פון לעבן איז ערשט איין זאך: מכבד זיין דעם אויבערשטן; דערפאר לערן איך, דערפאר דאווען איך, דערפאר שטעל אויף א שטוב מיט קינדער, דערפאר עסט מען, דערפאר טרינקט מען, דערפאר דארף מען ארבעטן צו ברענגען ברויט, און אזוי מיט אלעס.

אוודאי, עס דארף געדויערן און געדויערן, אבער אז מען טוט אין דעם, רירט זיך עס, צו דורך אזא עצה, צו דורך אזא עצה, אבער מען גייט כאטש בדרך הטוב, מען גייט צו 'חיים', נישט צו 'מיתה'. חוץ פון השם יתברך איז אלץ 'מיתה'.

עס שטייט[לב]: "**בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח**". זאגט דער אר"י הקדוש[לג], די סטרא אחרא איז מות; אז דו פאלגסט דער סטרא אחרא - איז מות, אלץ וואס איז 'כלה ונאבד' איז 'מות'. 'חיים' איז דער אויבערשטער - אזוי זאגט דער רבי[לד]. מען קען אסאך ארומרעדן וועגן דעם, און מען פלעגט אסאך ארומרעדן וועגן דעם.

## דער אויבערשטער איז אונז 'דן לכף זכות'

מען געפינט אסאך חז"ל'ן, וואס איינער האט זוכה געווען צו דער זאך - ווייל ער האט געטון דער זאך, אַן אנדערער האט זוכה געווען צו אזא זאך - ווייל ער האט געטון אזא זאך - מורא'דיגע גרויסע

**לב.** ישעי' כה, ח.

**לג.** עיין "שער הכוונות" פסח דרוש ד', ובעוד הרבה מקומות.

**לד.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א, בסופו: **חיים נצחיים הם רק להשם יתברך, כי הוא חי לנצח. ומי שנכלל בשרשו, דהיינו בו יתברך, הוא גם כן חי לנצח, כי מאחר שהוא נכלל באחד והוא אחד עם השם יתברך, הוא חי חיים נצחיים כמו השם יתברך. וכן אין שלימות רק להשם יתברך, וחוץ ממנו כולם חסרים, ומי שהוא נכלל בו יש לו שלימות.**

זאכן. למעשה, היינט זעט מען אז אפילו מען טוט די זאכן איז מען נישט זוכה צו דער זאך? נאר עס איז געווען אַן 'עת הכושר' וואס דער מענטש האט עס געטון מיט א ריכטיגע מחשבה, מיט א ריכטיגע 'כבוד אלקים' - דאס איז עס, אט דאס איז דער הבדל.

אלץ איז חשוב ביים אויבערשטן, דער אויבערשטער איז אונז 'דן לכף זכות', ער ווייסט גוט אין וועלכע הסתרות מיר ליגן, ער ווייסט פון מיינע טעותים, ער ווייסט וויפיל מען קען זיך נארן אין גאוה אז עס האט נישט קיין גבול און קיין ערך - מיר זענען אויסגעקנאָטן אין גאוה, איז דאך אונז דער אויבערשטער 'דן לכף זכות'.

אז דער אויבערשטער העלפט, מען האט אינזינען, מען טוט א זאך 'למען כבוד ה'', איז עס א גרויסער הבדל ווען מען טוט דאס פארן אויבערשטן צו מקשר זיין 'כבוד ה'' צום שורש - דאס איז א געוואלדיגע זאך - טון פאר 'כבוד ה''! מען איז באשאפן געווארן צו מכבד זיין השם יתברך, פאר דעם איז מען באשאפן געווארן![לה]

## "מלך הכבוד" - 'שנותן כבוד ליראיו'!

עס שטייט אין חז"ל[לו] אויפן פסוק[לז]: "**מֶלֶךְ הַכָּבוֹד**"; וואס איז דאס "מלך הכבוד"? "**שנותן כבוד ליראיו**" - ער גיט 'כבוד ליראיו'! דער אויבערשטער האט אזוי ליב זיינע יראים, אז ער גיט זיי כבוד. וואס איז דער כבוד? אז ער איז זיי 'מצהיל מכבודו'.

אונז קוקן עס אָן - מען איז זיי מכבד. אבער זיי קוקן עס אָן מיט אנדערע ברילן - זיי ווערן נתעלה, זיי באקומען אזויפיל דביקות פון

---

**לה.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"א (ע"פ ליקוטי עצות): **כל הבריאה לא היתה כי אם בשביל כבודו יתברך, על כן הכל נברא בשביל האדם. כל כל הגדלת כבודו יתברך תלוי בהאדם דייקא. כל כן כשבא איזה כבוד להאדם צריך ליזהר מאד שלא יקח לעצמו מן הכבוד כלום, רק שיראה להחזיר ולהעלות כל הכבוד לשם יתברך ובזה הוא מתקן ומקיים כל העולם, כי כל העולם ומלואו לא נברא כי אם בשביל כבודו יתברך כנ"ל.**

**לו.** מדרש רבה וארא פר' ח' פס' א'.

**לז.** תהלים כד, י.

דעם! זיי זאלן חלילה נעמען עפעס פאר זיך?! דער רבי זאגט דאך[לח], כבוד איז א סכנה גדולה!

אויב נעמט מען עפעס כבוד פאר זיך, דינט מען עבודה זרה; בשעת א מענטש לערנט און דאוונט, צו וואס, אויב מיינט ער זיך, דינט ער עבודה זרה. אוודאי עס איז לפרקים, אבער א גרויסער חלק דינט ער 'זיך', ער דינט 'זיך'.

דאס איז אַן ארבעט, אַן ארבעט! א מענטש איז פול מיט 'אנכיות', פול מיט 'איך', פול מיט 'איך', מען קען זיך אסאך נארן אין דעם - 'בלי גבול'.

**מען דארף אסאך בעטן מען זאל זיך נישט נארן, בעטן מען זאל 'זיך' נעמען - נישט נארן**. אז מען ווייסט אז מען נארט זיך איז אויך גוט; אבער אז דער אויבערשטער העלפט, קען ווערן פון דעם גאנצן אנכיות מיט דער גאנצער ישות, אַן "אנכי ה' אלקיך", מען זאל ווערן א 'מעון לשכינה'! "אשכון את דכא"!

## יחזקאל בן בוזי

עס שטייט[לט], די עבודה פון יחזקאל איז געווען, וואס מער ער האט באקומען א השגה אינעם אויבערשטן, האט ער זיך מער מבזה געווען - 'זעה ווי איך קוק אויס, זעה ווי איך קוק אויס! פאר אזא גרויסער רבונו של עולם פירט מען זיך אזוי? ווי האסטו זיך געפירט?!' - איז ער געווארן אַן עניו, האט ער באקומען נאך 'זיו השכינה', האט ער זיך נאך מער געשעמט! דערפאר הייסט ער "יחזקאל בן **בוזי**", ווייל ער האט זיך מבזה געווען.

---

**לח**. ליקוטי מוהר"ן סי' קל"א, וזל"ש (ע"פ ליקוטי עצות): צריך להתיירא ולפחוד מן הכבוד, **כי כבוד הוא סכנה גדולה, סכנות נפשות**. על כן כשמגיע איזה כבוד להאדם, צריך ליזהר מאד לקבלו כראוי לשמו יתברך לבד. כי אם, חס ושלום, יפגום בהכבוד כחוט השערה ולא יקבלו כראוי יוכל להסתלק, חס ושלום, על ידי זה.

**לט**. זוהר הקדוש תרומה דף קסו ע"א.

האב איך געטראכט, מיט דעם איז זייער גוט וואס דער רבי שרייבט אין תורה ו' אז דורך מקבל זיין בזיונות באהבה ווערט מען אַן 'אדם לשבת על הכסא'.

ווייל דער תולדות ברענגט אראפ[מ] אויף דער משנה[מא]: **"מְאֹד מְאֹד הֱוֵי שְׁפַל רוּחַ"**; אז א מענטש האט עניוות, האט ער א צורת אדם, אז נישט האט מען נישט קיין צורת האדם! דאס איז אַן אדם, אז מען איז אַן עניו, מען איז 'מכבד את בוראו', איך האב נישט מיט וואס זיך גרויס צו האלטן! - אט דאס איז דער 'מא"ד', דאס איז די אותיות 'אד"ם'.

מיט דעם איז זייער גוט פארוואס אלע נבואות (בספר יחזקאל) גייען מיט 'אדם' - **"ואתה בן אדם"**, **"בן אדם"**, ווייל אט דאס איז א 'בן אדם', דאס איז א מענטש, דאס איז א מענטש - דו גייסט ארום צובראכן, דו גייסט ארום פארשעמט - 'זעה ווער איך בין!' וואס מער (ער איז פארשעמט) - באקומט ער נאכמער התגלות אלקות - דאס איז אַן 'אדם', דאס איז דאס! דאס איז א געוואלדיגער כלל, א געוואלדיגער כלל, א מורא'דיגע זאך.

אלעמאל ווען דער רבי גיט א דוגמא, גיט ער דעם שטארקסטן דוגמא[מב]. דער רבי רעדט דארט וועגן 'חסד'[מג]. זאגט דער רבי, עס שטייט[מד]: **"נַעֲשֶׂה אָדָם"**. און ביי חסד שטייט[מה]: **"וְשֵׁם הָאִישׁ אֲשֶׁר עָשִׂיתִי עִמּוֹ"**. זאגט דער רבי: **"מה התם צדקה, אף כאן צדקה"**[מו].

---

**מ.** פר' קדושים אות ט'. (עיין גם בזוהר הקדוש שם בפנים).

**מא.** אבות פ"ד, מ"ד.

**מב.** עיין הקדמת ספר ביאור הליקוטים - י"ח כללים ללימוד ספה"ק ליקוטי מוהר"ן - כלל השלישי.

**מג.** ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ז, אות ג'.

**מד.** בראשית א, כו.

**מה.** רות ב, יט.

**מו.** עיין הקדמת ספר הזוהר הקדוש דף יג:

דער אויבערשטער וויל אז דאס מציאות פון אַן 'אדם' זאל אויסקוקן, אז ער זאל געבן שפע, ער זאל געבן צדקה - צדקה בגופו, צדקה בממונו, אזוי דארף אויסקוקן אַן אדם, דאס איז טאקע דער "נעשה אדם". מיט יעדן חסד - **מען איז מכבד בני אדם, מען טוט אָן א קינד, איך טראג אים שיין - יא! ער איז דאך א 'נברא בצלם אלקים', ער איז ראוי אז איך זאל אים מכבד זיין!** דאס איז דאס.

## "וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד"

דער רבי כאפט אלעמאל אָן דער 'קיצונית שבדבר'; דער רבי זאגט[מז], אז איך וויל וויסן וואו האלט איך ביי כבוד ה', זעה ווי האלסטו ביי "**וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד**"[מח]. אז דו זעסט איינעם ווי ער הארעוועט אין לערנען, און דו ביסט אים מכבד, ער איז יקר ביי דיר, איז ערלעדיגט - ביסטו ביי כבוד ה'.

דאס איז א הבחנה; איינער וואס וויל כבוד ה', האט ליב א איד ווי ער קוקט נאר אויס, ער האט ליב א 'שומר הברית', ער האט ליב א איד וואס איז עוסק בתורה יומם ולילה, וואס ער איז עוסק אין כבוד ה', וואס ער לערנט תורה לשמה, וואס ער דינט דעם אויבערשטן מיט תורת חיים, "**אין כבוד אלא תורה**"[מט], ער איז מכבד דעם אויבערשטן! **אז דו האסט אים ליב ווייל ער איז מכבד דעם אויבערשטן - ליגט אין דיר כבוד ה', דאס איז בדוק ומנוסה!** טאמער נישט, איז עס נישט כבוד ה', עס איז סתם קנאה, דאס איז א געוואלדיגע זאך.

דער רבי זאגט אין דער תורה, דער סימן פון א מענטש וואס וויל זיך מבחין זיין אוואו ווייט דער כבוד אלקים איז שוין ביי אים ארויס

**מז.** ליקוטי מוהר"ן סי' י"ד, אות ו': וכל אחד לפי בחינתו יכול לידע העלאת הכבוד לשורש היראה; **לפי הכבוד שמכבד את יראי השם, כן עלה הכבוד לשרשו**, כי שם שורש הכבוד, בבחינת: "ואת יראי ה' יכבד". כי כל זמן שהכבוד הוא בגלות, כל אחד לפי בחינתו הוא מזלזל ביראי השם, וכל אחד לפי תיקונו את הכבוד, כן הוא מכבד יראי השם.

**מח.** תהלים טו, ד.

**מט.** משניות אבות פ"ו, מ"ג.

פון גלות, זאל ער זען ווי ווייט ער איז מכבד 'יראי אלקים', "ואת יראי ה' יכבד" - עס איז א געוואלדיגער יסוד[נ].

## "ללמוד על מנת ללַמד"

דער רבי זאגט טאקע[נא], וואס איז חסד? אז ער איז 'מלמד תורתו לאחרים'! דו ווילסט דאך דעם אויבערשטן, איז **אז דו דערהערסט א גוטע זאך - זאל עס נאך איינער וויסן! גיב חסד! לערן מיט אים עפעס פונעם אויבערשטן!** אז דו האסט עפעס ארויס ווי עס דארף צו זיין - זאל עס נאך איינער וויסן, דאס איז דאך א מורא'דיגע זאך.

דער רבי רעדט טאקע פון יתרו, (שנתקרב) דווקא משאול תחתיות ומתחתיו, ווייל דער רבי רעדט אלעמאל פון דער קיצונית שבדבר, אבער דאס גייט ארויף אויף יעדער בחינה וואס מען שיינט אריין אין א מענטשן יראת שמים, איך לעב אים אויף, איך געב אים א גוט ווארט, איך דערהער אים עפעס א זאך, איך שיין אים אריין בפשטות תורת ה'.

---

**נ.** עיין ליקוטי הלכות הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו, אות נ"ח: **ועל כן בודאי צריכין לכבד את הבריות כי בזה מכבד את ה' יתברך**, כי צריך להאמין שבכל אחד מישראל מלובש כבודו יתברך, כי מכל אחד מישראל **אפילו הגרוע שבגרועים** כל זמן שהוא בכלל האמונה הקדושה ה' יתברך מקבל ממנו כבוד והתפארות פרטי, כי על ישראל גאותו וכבודו וגדלו כידוע. ועל כן בודאי צריך לכבד את כל אחד ואחד. **ועיקר הכבוד הוא לדבר עם כל אחד מהתכלית להכניס בו יראת שמים** וכן לקבל ממנו בבחינת 'ומקבלין דין מן דין' שזהו בחינת 'הלומד מכל אדם' שהתחיל בזה, כי זה עיקר הכבוד בבחינת 'אין כבוד אלא תורה'. וכמו שהזהיר אדמו"ר ז"ל בתורה הנ"ל (ליקו"מ תנ' ז') שכל אדם צריך לעסוק בזה להכניס הדעת בחבריו וכו' כמו שמבואר שם. וזה עיקר כבוד ה' יתברך כנ"ל.

**נא.** ליקוטי מוהר"ן סי' י"ד, אות ב', וזל"ש: ואי אפשר להעלות את הכבוד אלא על ידי תורת חסד. "ותורת חסד" אמרו חז"ל (סכה מט:): **'זהו הלומד תורה על מנת ללמדה'**, כי זה עיקר כבודו, כמובא בזהר (יתרו סט.): 'בשעתא דשאר עכו"ם אתין ואודן לקודשא בריך הוא, כדין אסתלק ואתייקר שמא דקודשא בריך הוא עילא ותתא. כמו גבי יתרו: **בשעתא דאמר יתרו: "עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלהים", כדין אסתלק ואתייקר שמא דקודשא בריך הוא'**. נמצא, זהו כבודו, כשבני אדם שהם מחוץ לקדושה מקרבין את עצמן לפנים מהקדושה, הן גרים שמגיירין, הן בעלי תשובה, שגם הם היו מבחוץ, וכשמקרבין ומכניסים אותם לפנים, זהו כבודו.

די גמרא זאגט[נב]: **"כל המלמד את בן חבירו תורה - כאילו עשאו"**; ווייל אז נישט איז ער גארנישט, ער איז נישט באשאפן געווארן, עס איז 'טוב לו שלא נברא'. אבער אז דו האסט אים אריינגעגעבן כבוד התורה, דו האסט געלערנט מיט אים, דו האסט אריינגעלייגט אין אים יראת שמים, ער זאל שפירן דעם אויבערשטן, האסטו אים באשאפן, דעמאלט איז ער א מענטש! אז נישט איז ער קיין מענטש נישט, **"טַב לֵיהּ דְּלָא אִתְבְּרִי"**!

## אפילו נאר זינגען צוזאמען

על-כל-פנים, מען דארף מחזק זיין דעם ענין צו וואס מען איז זיך צוזאמען געקומען - וועגן די חבורות; מען דארף וויסן, עס איז אזא כבוד אלקים, אזא כבוד אלקים! מען האט געהערט יענע וואך, אז מען קומט - צו איך האב יא אויפגעטון צו איך האב נישט אויפגעטון - פארוואס בין איך געקומען? ווייל איך האב געוואלט עפעס דערהערן אין עבודת ה', עפעס דערהערן א אידש ווארט, אדער עפעס אריינשיינען אין אַן אנדערן א אידיש ווארט, צו מיט דיבורים, צו נתעלה ווערן מיטן זינגען, דאווענען מער מיט א התעלות, לערנען מער מיט א דערהער.

מען קען זיך אויסרעדן דאס הארץ ביים זינגען אז עס האט נישט קיין גבול! א 'קול בלי דיבור' דערלאנגט זייער הויעך - העכער און העכער! אוודאי, דער ניגון דארף גיין מיט א חיות אָן עצבות. איז דאך ממש 'אשרינו מה טוב חלקינו'[נג].

---

**נב.** סנהדרין צט ע"ב.

**נג.** עיין דרך כוכב (תורה ג' שיעור ב') וז"ל מורינו שליט"א: השירות והזמירות הוא דבר עיקרי, אחד מהדברים העיקריים שיש בין אדם לבין קונו. ולא לחינם הנהיג הבעש"ט לשיר ולזמר בצוותא בדבקות, והיא מצוה חשובה לשבת יחדיו ולשיר בשמחה של מצוה, ניגוני דבקות והתעוררות, והיא ממש מצוה דרבים של 'ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום' (דברים ד') וכן מצוה של 'ולדבקה בו' (שם, י"א כ"ב) שהיא דבקות, שאפשר לקנותה על ידי ניגון.

**מיר האבן דעם זכות צו מכבד זיין דעם בורא עולם!**

א מענטש מעג קובע זיין, אז די אלע התבודדות'ן וואס ער רעדט זיך אויס פארן אויבערשטן, זאל זיין אויף איין נקודה - **'רבונו של עולם, איך בין אראפ דא אויף דער וועלט וואו איך האב א זכות דיר צו מכבד זיין!'**. איר ווייסט וואספארא זכות דאס איז? איר ווייסט וואספארא זכות דאס איז אז א מענטש האט א זכות צו מכבד זיין אזא מין גרויסן בורא עולם?! און דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א תורה וואס מיט דעם זאל מען אים מכבד זיין - מיט לימוד התורה, מיט קיום התורה - איר ווייסט וואספארא זכות דאס איז?! עס איז דאך א געוואלדיגער זכות!

דאס התבודדות קען גיין אויף אלע מיני אופנים, אויף רוחניות, אויף גשמיות, אויף זיך, אויף די קינדער, אויף דער משפחה - אויף אלעס - **'רבונו של עולם איך בעט דיר איין זאך - עס זאל ארויסגיין 'כבודך'! עס זאל ארויסגיין 'כבודך'! עס זאל נישט נתחלל ווערן 'שמך - לא על ידינו, ולא על ידי זרעינו, חס ושלום!'**.

עס שטייט[נד], עס זאל נישט זיין קיין 'רבב על בגדיו' פון א תלמיד חכם, ווייל ער איז "משניאי" (- 'מַשְׂנִיא את התורה בעיני הבריות'. כי הבריות אומרים:) 'גיב א קוק אויף יענעם תלמיד חכם, קוק ווי ער גייט!'. ער דארף גיין מכובד'דיג, דער כבוד התורה ליגט אויף דיר. און לאו דווקא א תלמיד חכם, נאר אפילו אז מען רופט אים 'תלמיד חכם' איז אויך אזוי; אז מען רופט דיר א 'תלמיד חכם', דארפסטו גיין מכובד'דיג, נישט מבזה זיין דעם אויבערשטן. איז פשט, אז מען גייט אנגעטון פארן אויבערשטנ'ס כבוד.

---

**נד.** שבת קיד ע"א: ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, כל תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדו, חייב מיתה. שנאמר: "כל משנאי אהבו מות". אל תקרי משנאי, אלא משניאי. [וברש"י שם: "משניאי" - שממאסין עצמן בעיני הבריות, והבריות אומרים אוי להם ללומדי התורה שהם מאוסים ומגונים, נמצא זה משניא את התורה].

## "עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ"

'אין הכי נמי', מיר דארפן מודה זיין בהודאה גמורה אז עס איז פול מיט פניות, אבער טוה אין דעם, טוה אין דעם, דעמאלט וועט עס ווערן מער אויסגעאיידלט, מער אויסגעאיידלט, ביז פון די אנכיות וועט ווערן "אנכי ה' אלקיך", פשוטו כמשמעו.

מען דארף בעטן דעם אויבערשטן ער זאל העלפן די ערליכע אידן וואס מוטשען זיך, עס איז א חילול ה', עס איז 'חילול שם שמים גדול' "**עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ**"[נה]. וואס איז דער טענה פון "עשה למען שמך"? 'אין הכי נמי' - איך האב טאקע א פניה אויך, אבער "עשה למען שמך"! 'די פניות טוען מיר באמת אויך וויי, איך בין דאך דיינס א קינד, איך האב רשות צו בעטן - און דו ווילסט אז איך זאל דיר בעטן, איך בין דאך מקיים א מצוה אז איך בעט דיר'. אז עס טוט מיר וויי א זאך, און איך בעט דעם רבונו של עולם, בין איך דאך מקיים א 'מצות עשה דאורייתא' פון תפילה, דאס איז דאך 'עבודה שבלב' - פשוטו כמשמעו.

עס שטייט אין פסוק[נו]: "**וּקְרָאֵנִי בְּיוֹם צָרָה אֲחַלֶּצְךָ וּתְכַבְּדֵנִי**" - מיט דעם וואס איך וועל דיר העלפן, וועסטו מיר מכבד זיין![נז] מיט דעם וועסטו מיר מכבד זיין, ווייל איך האב ליב צו העלפן יראי ה'! דער עיקר איז - דו זאלסט האבן בטחון אז ער וועט דיר זיכער העלפן,

---

**נה.** ירמי' יד, ז.

**נו.** תהלים נ, טו.

**נז.** עיין ליקוטי הלכות הל' תפילת המנחה ה"ו, אות א': כי עיקר כבוד ה' יתברך ביותר הוא על ידי תפילה דייקא, על ידי שמתפללין ומבקשין מה' יתברך כל צרכיו כל מה שחסר לו בגשמיות וברוחניות. כמו שכתוב "**וקראני ביום צרה אחלצך ותכבדני**", כי זה עיקר כבודו. **ועל כן תפילת שמונה עשרה גבוה מאד ויקר מכל סדר התפילה** כמובן בכוונות, כי אף על פי שעל ידי כל פסוקי דזמרה וברכת המאורות מגדלין כבודו יתברך ומודיעין שהוא יתברך יחיד בעולמו וברא הכל לכבודו, אף על פי כן עיקר שלימות הגדלת כבודו ביותר הוא על ידי התפילה. שבזה שמתפללין על צרכיו, בזה מודים שה' יתברך מנהיג עולמו ומשגיח בפרטיות על כל דבר שבעולם ובידו לשנות הטבע. ונתן לנו כח ורשות לרצותו ולפייסו בתפילה ותחנונים, עד שישוב ממדת הדין למדת הרחמים לבטל כל הגזירות שאינם טובים ולמלאות כל מחסורנו.

דאס איז דער 'עשה למען שמך'. איי, איך האב דאך א פניה? - האב איך א פניה! אבער עם כל זה - 'עשה למען שמך'!

## צומאל קען זיין 'מתוך לשמה בא לשלא לשמה'...

מען דארף וויסן אז דאס גייט נישט מיט איין מאל; אז מען מיינט אז מען קען גיין מיט איין מאל, נארט מען זיך איינגאנצן. עס שטייט[נח]: "**לעולם יעסוק אדם בתורה ומצוות אף על פי שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה**". זאגט דער בעל שם[נט], ער זאל הארעווען שלא לשמה - און זיך ציען צו 'לשמה'. ווייל ווען איינער וועט האבן גלייך 'לשמה', וועט זיין 'מתוך לשמה בא לשלא לשמה'...

זיי מודה - דאס איז דאך אויך א שטיקל עניוות, 'רבונו של עולם, 'אין הכי נמי', איך ווייס אז איך דין דיר מיט א פניה - איך ווייס, אבער איך בין פארט אַן 'אדם', איך בין פארט דיין קינד, העלף מיר איך זאל וועלן ארויסהויבן דיין כבוד דורך מיר און דורך מיינע קינדער און דורך אלע וואס זענען ארום מיר - אלע זאלן מכבד זיין 'את שמך', וועגן דעם בין איך דאך באשאפן געווארן, דאס איז מיין שליחות!'

נישטא קיין אנדערע שליחות, נישטא קיין אנדערע שליחות! **דאס איז דער שליחות האמיתי!**

## "בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת"

דאס ענין וואס מען קומט זיך צונויף, צו זינגען צוזאמען, בענקען צום אויבערשטן צוזאמען, הערן א אידיש ווארט, הערן א ווארט פון רבי'ן, נעמען א יסוד, א דערהער, אפילו דאס עצם אחדות אליין וואס וועגן דעם איז מען געקומען, דאס איז שוין מצרף געוואלדיגע צירופים! דאס איז א מורא'דיגע זאך! דער כח פון א קהל, דער כח

---

**נח.** פסחים נ' ע"ב.

**נט.** עין בעש"ט על התורה פר' חוקת אות א'.

פון זיין צוזאמען, דאס איז א געוואלדיגע זאך!

אז עס גייט דורך אויף א מענטשן דינים חס ושלום, און ער שטייגט מיט אלעמען, ער איז מקושר מיט אלעמען, ווערט בטל דער דין. דער זוהר הקדוש זאגט עס מפורש אויף ראש השנה[ס]; אלישע האט געפרעגט שונמית[סא]: "**הֲיֵשׁ לְדַבֶּר לָךְ אֶל הַמֶּלֶךְ?**" איך וויל אליין זען די דינים וואס טוט זיך אויבן אויף דיר, איך וויל ממתיק זיין אז עס זאל נישט זיין דינים אויף דיר. האט זי אים געזאגט, 'טוה מיר א טובה, דערמאן מיר נאר נישט, "**בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת**", איך בין מקושר מיט גאנץ כלל ישראל, לאז מיר נישט אליין!

זאגט ער, "מכאן אוליפנא", א מענטש זאל זיך נישט פורש זיין מן הציבור אפילו ער איז 'זכאה'. ווייל אז ער איז זיך 'פורש מן הציבור', אפילו ער דינט דעם אויבערשטן יומם ולילה, אבער אז מען איז אים דָן אליין - טויג נישט. זיי מיטן ציבור! אז דו וועסט זיין מיטן ציבור, ווערן אלע נכלל אין יעדער מצוה וואס יעדער טוט אין די מורא'דיגע תיקונים.

## מען קען נישט מקטרג זיין אויף אזא תפילה

עס שטייט פון אר"י הקדוש[סב], פארן דאווענען זאל מען מקבל זיין דער מצוה פון "**ואהבת לרעך כמוך**"[סג] - ליב האבן דעם גאנצן כלל ישראל, דעם חלק הטוב פון יעדן אידן.

דער רמ"ק זאגט, **אפילו א רשע - מיט זיין חלק טוב מוז מען זיך מקשר זיין!** ער זאגט - **דאס איז תפילה בשלימות! דאס איז דער שלימות!** מען קען נישט מעליל זיין אויף דער תפילה, איך האב געבעטן פאר אלעמען - 'מיר זענען אלע דיינע קינדער, דו קענסט

---

**ס.** ח"א דף סט ע"ב.

**סא.** מלכים-ב ד, יג.

**סב.** שער הגלגולים הקדמה ל"ח.

**סג.** ויקרא יט, יח.

אלעמען העלפן, יעדן איינעם באזונדער זאלסטו העלפן, יעדן איינעם איז ביטער, יעדער איינער דארף האבן ישועות, העלף אלעמען!' - עס איז אַן אנדער דאווענען! אט דאס הייסט 'תפילה בציבור' - דאווענען פאר גאנץ כלל ישראל! אזא תפילה הערט דער אויבערשטער! אט דאס רופט זיך 'תפילה בציבור'!

דער אר"י הקדוש האט דאך אויך מזהיר געווען אויף דער זאך פון אהבת ישראל קודם התפילה - און 'כל שכן' אויף אהבת חברים בחבורה[סד]. בחבורה איז א באזונדערן ענין; יעדער איינער זאל וויסן, יעדער איינער האט א באהאלטענעם טוב וואס קיינער ווייסט דאס נישט, דאס איז 'בלי גבול ובלי שיעור'! מען ווייסט נישט וואס טוט זיך ביי א אידן, מען ווייסט נישט וואס טוט זיך ביי א אידן!

דער חוזה מלובלין האט געזאגט: **עס איז גרינגער דורכצוטראכטן ש"ס ופוסקים, ווי דורכצוטראכטן א מח פון א אידן!** וואס עס קאכט זיך ביי א אידן!

## די מעלה פון רעדן 'בשבח הצדיקים'

אז מען גייט צו א חבורה, זאל מען וויסן 'וואו' מען גייט, וועגן 'וואס' מען גייט; מען גייט וועגן געלט? מען גייט וועגן כבוד? פארוואס גייט מען? מען גייט זינגען צוזאמען פאר השם יתברך, הערן א אידיש ווארט, רעדן פון רבי'ן, רעדן פון צדיקים.

דער רבי זאגט[סה], 'שבח הצדיקים' איז א 'תיקון הדיבור'. ווייל ווען א מענטש האט ליב א צדיק און ער איז אים משבח, איז א סימן אז עס ליגט אין אים 'טוב'; פארוואס ביסטו משבח דעם צדיק? ווייל דער צדיק איז משבח דעם אויבערשטן! פארוואס זענען זיי חשוב? ווייל זיי זענען יראי ה'! פארוואס זענען זיי חשוב? ווייל זיי זענען יומם ולילה דבוק אין השם יתברך! פארוואס האב איך אים ליב? ווייל איך שפיר זיין קדושה!

---

**סד.** עיין שער הגלגולים שם.

**סה.** ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ט.

וואס זענען (בדרך כלל) די אלע אנדערע דיבורים? אדער וואס מען רעדט אויף יענעם, אדער פון פארשעמען יענעם, אדער פון 'זיין' כבוד, אדער פון יענעמ'ס כבוד - אזוי קען אריבערגיין די גאנצע מעשה. אבער אז מען איז משבח די צדיקים, האט דער אויבערשטער אזא הנאה! אט דאס איז כבוד ה'!

דער רבי זאגט: 'שבח הצדיקים' איז דער 'תיקון הכללי' פון דעם 'דיבור'.

## זיך מקשר זיין מיט דעם טוב פון יעדן איינעם

יעדע זאך האט א 'כלל' און א 'פרט'; ממילא, יעדער טוב פון א אידן - דער האט א 'לב טוב', דער איז פרייליך כסדר, דער איז אַן עָניו ביי זיך, דער איז א בעל חסד - אז מיר האבן ליב דעם טוב פון יעדן איינעם - האב איך עס ממש, ווייל מיר זענען בשורש ממש איינס!

**דער בעל שם האט מיט דעם געראטעוועט א וועלט מיט אידן!** (כי קודם לכן) אז מען האט געלעבט אליין - אז דער בעל דבר איז געקומען - אדער אז עס האט חל געווען דינים אויף איינעם - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, רחמנא לצלן![סו]

דאס ענין פון אחדות, דאס ענין פון זיך צוזאמענקומען, לערנען צוזאמען, רעדן פון יראת שמים צוזאמען, רעדן פון צדיק צוזאמען, דאס האט געראטעוועט גוזמאות גוזמאות! **דאס האט אנגעהאלטן אידישקייט 'עד היום', פשוטו כמשמעו!**

ברוך ה', מיר האבן דאך וואס צו רעדן, מיר האבן וואס צו זינגען, און מיר האבן וועגן וואס צו זינגען, מיר האבן מיט וואס צו זיין באחדות. זאל דער אויבערשטער העלפן, עס זאל שׂורה זיין ביי אונז 'אחדות' מיט 'אהבה דקדושה', מען זאל נתעלה ווערן מעלה מעלה, עס זאל זיין לטובתינו ולטובת כל עמו ישראל, אמן!

---

**סו.** עיין ספר "דורשי יחודך" יסודי היהדות ח"א, מאמר 'שבת יום חמדתו', מה שאמר שם מורינו שליט"א: **דער בעל שם האט מתקן געווען מען זאל זיך צוזאמענקומען, זינגען צוזאמען, זיין בדביקות צוזאמען, זיין פרייליך צוזאמען.**

# יאמץ לבך

רבי משה לייב סאסובער זי"ע האט געזאגט; חז"ל זאגן דאך אז מיט טרערן עפנט מען טויערן. האט ער געזאגט:
**"אבער מיט שמחה ברעכט מען ווענט!"**

מען דארף ברעכן אלע ווענט, אלע מסָכים, צווישן אונז מיט אבינו שבשמים, אז עס זאל נמשך ווערן א טהרה אויף דער וועלט, א קדושה אויף דער וועלט, תורה אויף דער וועלט, מצוות אויף דער וועלט.

אלע אידישע הערצער זאלן זיין גאנץ מיטן בורא עולם – דאס איז דער עיקר! וואס דאס ברעכט מען דורך נאר דורך שמחה! דעמאלט איז דא שפע 'עד בלי די'!

(דברות קודש בעת הקפות שניות שנת תשע"ב לפ"ק)